Algemeiner Journal
A NATIONAL JEWISH JOURNAL
# אלגעמיינער זשורנאל

FRIDAY, FEBRUARY 26, 1988 | ב״ה, יום ו׳, ח׳ אדר, תשמ״ח | פרייטאָג, פעברואר 26, 1988

## נאך 12 טויזענט נפשות ווארפען ארויס די בהמה פלייש אין מיסט!!!

דער וויליאמסבורג סאטמארער דיין הרב הגאון ר׳ ישראל חיים מנשה פרידמאן שליט״א איז ארויסגעקומען מיט א נייע דעקלאראציע אז ער נעמט נישט קיין שום אחריות אויף די שחיטה ובדיקה פון בהמה פלייש נאר אויף דאס וואס ווערט געטוהן ביי זיך אין געשעפט!!!

געטוהן האט ער דאס נאכדעם וואס ער איז שוין זאט געווארען זעהנדיג די שרעקליכע קארופציע וואס הערשט ביי די שחיטות ובדיקות און זעהענדיג די מאכט לאזיקייט פון די עסקנים וועלכע ציטערן אימת מות פון די שטיינער וועלכע פליען פון די ״הויכע פענסטער״ האט ער זיך געקלוגט און געלאזט מפרסם זיין פון מויל צו אויער אז ער געט נאר השגחה אויפן בוטשער נישט אויף די שחיטה און עטס דארפט שוין פארשטיין דעם רמז ווי איינער זאגט **״אויב דיר איז גוט א כשר געמאכט חזיר׳ל אדער אַ אויסגעזאלצענע (שטיק) נבילה, דאמאלטס קענסטו פון מיין בוטשער אויך געניסען״.**

הגם אונזער שיטה איז, אז דאס איז נישט דער וועג פאר א איש מורם מעם נאר אויסצורופען ברבים אז דאס פלייש טויג נישט. אבער היינט צו טאג ליידער הייסט דאס שוין אויך עפעס אַן הצלה פורתא.

דער אפקלאנג פון די דעקלעראציע איז געווען ווייט גייענדיג און אויפגעריסן ווי א באמבע!!!

מיר ווילען אייך ווינטשען אז כשם שזכית לקדש ש״ש בסתר תזכה לקדש ש״ש בפרהסיא און בקרוב זוכה זיין צו א רוח קדושה וטהרה אזוי ווי אליהו ביים הר הכרמל ארויפצוגיין אויפן בימה מיט א ס״ת אין האנט און אויסרופען **״רבותי אלעס איז נבילה וטריפה אויף מיין אחריות זאל מען גארנישט עסען.**

**רק חזק ואמץ!!!**

השי״ת יזכנו בתשובה שלמה להשיב לב ישראל לאביהם שבשמים, וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, ויקוים בנו כי לא תשכח מפי זרעו — הבעה״ח יום ג׳ שנכפל בו כי טוב לסדר ״ובשר בשדה טריפה לא תאכלו״ כ״א שבט שנת תשמ״ח לפ״ק.

**ה״ק שלום יהודה גראס**
אבדק״ק האלמין יצ״ו
ברוקלין נוא יארק

## בית דין צדק דקהל האלמין
### להסיר המכשלה!!! דער פיש סקאנדאל!!!

אין בית הוראה פון האלמין אויף פארט העמילטאָן פאַרקוועי זענען פארגאנגענע וואך אויפגעטרעטן עדות נאמנים תלמידי חכמים ויראי ד׳ און דערציילט א שרעקליכע מעשה

אז די געררייכערטע פישן מיט׳ן הכשר פון ״התאחדות הרבנים״, וואס ווערט געמאכט אין א קאמפאני לעבען וויליאמסבורג ווערט דארט פראדוצירט דגים טמאים. און איינער פון די חשובסטע רבנים אין בארא פארק האט אנגעריפן פאר עטליכע וואכן צוריק די רבנים המכשירים און געפרעגט היתכן ווי אזוי קען מען מאכן דגים טמאים מיט דגים טהורים — און אויך ווי אזוי מען מעג מאכן סחורה בדברים האסורים, עס איז דאך אַן הלכה פסוקה אין שולחן ערוך אז מען טאר נישט מאכן קיין ביזנעס מיט דברים האסורים? האט מען געענטפערט אז עס איז דא א משגיח תמידי. — דער רב האט זיך נישט געפוילט און אהינגעגאנגען און דערווייל — לא דובים ולא יער — עס הויבט זיך נישט אהן אלעס ווערט געמאכט אהנע משגיח.

על כן ירא הקהל וישפוט!!!
יום א׳ לסדר והסירותי מחלה מקרבך. י״ט שבט שנת תשמ״ח לפ״ק

**בית דין צדק דקהל האלמין**
ברוקלין ניו יורק

## וויכטיגע נייעס פאר כלל ישראל
# לאפרושי מאיסורא!!!

הרב הגאון רבי ישראל חיים מנשה פרידמאן שליט״א דער סאטמארער דיין פון וויליאמסבורג נעמט אראפ זיין השגחה פון שחיטת ובדיקת בהמה פלייש, פונקט ווי צעהלימער רב שליט״א האט דאס געטוהן 3 חדשים צוריק!!!

בזכות שמירת הכשרות יראיני השי״ת את ישועתו, ויזכור לנו ברית ראשונים לחדש עלינו ימים כקדם ולהשיב שבות ציון וירושלים בב״א

בעה״ח עש״ק לסדר ״על כל דבר פשע על שור״
כ״ד שבט שנת תשמ״ח לפ״ק

**ה״ק שלום יהודה גראס**
אבדק״ק האלמין יצ״ו
פה ברוקלין נוא יארק